# דרשת פרקי אבות

# מאת כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

## בענין כינוס "הצלת הדורות" שב"ק פרשת אחרי קדושים תשע"ב לפ"ק

[איבערגעזעצט פון די העתקה אויף לשה"ק]

די משנה (אבות ג-ו) זאגט עשרה שיושבין ועוסקין בתורה, שכינה שרויה ביניהם שנאמר וכו', ומנין אפילו חמשה וכו', אפילו שלשה, וכו', אפילו שנים וכו', ומנין אפילו אחד, שנאמר (שמות כ-כ) בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך ע"כ.

דארף מען צו פארשטיין, אויב האבן מיר שוין געלערנט אז אפילו ווען איינער זיצט אליין און לערנט תורה איז שכינה כנגדו, פארוואס דארף מיר די משנה צו זאגן אז דאס זעלבע זאך איז ווען מער ווי איינער זיצט און לערנט? און אוודאי ווען די משנה ברענגט נאך א פסוק אויף יעדע פאל באזונדער.

מען קען אפשר פארענטפערן די קשיא און זאגן אז באמת דאס וואס די שכינה רוהט קעגן דעם וואס לערנט תורה, דאס איז אוודאי נאר ביי ווער עס לערנט לשם שמים, ויראתו קודמת לחכמתו, און אזוי קען זיין אז דער וואס לערנט תורה זאל דווקא מהדר זיין און לערנען אליין, ווייל אויב לערענט ער מיט נאך איינעם, ווער ווייסט דען דעם מהות און תוכן פון זיין חבר, אויב ער איז אויך ראוי דערפאר, און אפשר וועט ער פארלירן די השראת השכינה מיט דעם וואס ער לערענט מיט א חבר וואס איז נישט אין די מדה, וועגן דעם זאגט אונז די משנה אז נישט נאר ווען איינער אליין וואס זיצט און לערנט תורה איז שכינה כנגדו, נאר אויך ווען זיי זענען אסאך, "עשרה שיושבין ועוסקין בתורה", איז "שכינה שרויה ביניהם", און ער וועט נישט פארלירן פון זיין מדריגה צוליב זיין שכן וואס איז נעבן אים און איז עוסק בתורה. - אבער עס דארף נאך אלץ א ביאור, אז מ'זאגט שוין אפילו ביי צען איז דא השראת השכינה און ביי איינס איז דא השראת השכינה, דארף מען דאך שוין נישט האבן קיין פסוקים אויף אינדערמיט אויף פינעף און דריי און צוויי ביי אלע איז דא השראת השכינה. מיט דעם אלעם דארף מען דאך צו פארשטיין, פארוואס האט די משנה דאס צעטיילט, "מנין אפילו חמשה, אפילו שלשה, שנים".

די משנה זאגט (אבות ב-ד), הלל אומר, אל תפרוש מן הציבור, ואל תאמין בעצמך עד יום מותך, ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו, ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע שסופו להשמע". מען קען מקשר זיין די מאמרים איינס מיט דאס צווייטע. מיר וועלן דאס משלב זיין צו אונזער פרשה, דער פסוק זאגט "דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם (יט-ב). רש"י זאגט, קדושים תהיו, "הוו פרושים מן העריות ומן העבירה, שכל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה". אויב איז מצות קדושים תהיו א מצוה אז יעדער איינער זאל פאר זיך מאכן א 'גדר' לערוה, איז נישט גענוג מיט דעם וואס דער מענטש איז אפגעהיטן פון אן עבירה, נאר דער מענטש דארף פאר זיך מאכן א גדר און א מחיצה, אז ער זאל נישט קענען צוקומען צו אן עבירה - אז אויך אויב וועט אים איינפאלן צוצוקומען לדבר ערוה, זאל ער טרעפן פאר זיך א גדר, א צוים און אן אפהאלט וואס טוט אים פארשטעלן צוצוקומען דערצו, - און אויב טרעפסטו נישט דעם 'גדר ערוה', דעמאלט איז "אין אתה מוצא קדושה".

---

### די סכנה פון אינטערנעט איז פיל גרעסער ווי די סכנה פון 'השכלה' אין איר תקופה

---

יעדער איינער ווייסט, אז דער נסיון פון אונזער דור פון עיקבתא דמשיחא, זענען די אינטערנעט כלים, וואס ס'איז שוין ליידער 'רבים חללים הפילה', ועוד ידו נטוי' חרוב צו מאכן מער און מער, ווייל די טעכנישע כלים ווערן מער פאָרגעשריטן פון טאג צו טאג, ה' ישמרנו. און אויב ווען מיר זיך נישט מאכן פאר אונז גדרים וסייגים, הערשט א שרעקליכע סכנה פאר'ן עקזיסטענץ פון גאנץ כלל ישראל, נאך פיל גרעסער ווי די סכנה פון די 'השכלה' אין איר תקופה, ווייל דעמאלט האט מען געקענט אפטיילן די ערליכע אידן פון זיי די משכילים, אז מיר זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט זיי, נישט לייענען זייערע ארטיקלען, און נישט אנרירן זייערע ביכלעך, וואס כ'ל ב'איה ל'א ישובון, אבער די כלים פון אונזער צייט, זענען דאך וויכטיג פאר אסאך מענטשן פאר זייער פרנסה, און צוליב אנדערע פארשידענע סיבות, און זיי געפונען זיך ביי רוב מענטשן אין טאַש, און די סכנה איז זייער גרויס, אז אין איין רגע קען מען זיך טרעפן אין טמא'נע פלעצער. און ווער עס האט די כלים וואס זענען אפען לערוה, און ער מאכט זיך נישט קיין גדר, איז ער מיט דעם מבטל די מצוה פון "קדושים תהיו", ווייל נאר אויף דעם פלאץ וואו מען טרעפט א גדר ערוה, קען מען טרעפן קדושה.

דער פסוק זאגט 'והתקדשתם והייתם קדושים (כ-ז), נאר אויב איר וועט מאכן פעולות פאר פרישות, 'והתקדשתם', נאר דעמאלט קענט איר זוכה זיין צו 'והייתם קדושים'. און דער היפוך פון קדושה איז טומאה. ולא תטמאו בהם ונטמתם בם (יא-מג), "אדם מטמא עצמו מעט, מטמאין אותו הרבה, אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה (יומא לט:)". און פרשת קדושים תהיו איז "בהקהל נאמרה" (רש"י),



ביי דער אסיפת מנהלים אין באָראָפּאַרק

עס איז נישטא נאך א פרשה אין די תורה וואס ס'שטייט ביי איר 'דבר אל כל עדת בני ישראל', און די פרשה האט משה רבינו נישט געלערנט כתות כתות איינס נאך די אנדערע, נאר ער האט צוזאמענגענומען אלע אידן אינאיינעם, אז די פרשה זאל געזאגט ווערן במעמד אלע אידן צוזאמען. משה רבינו האט דאס געלערנט נישט נאר פאר די מענער אזוי ווי די איבריגע חלקי התורה, נאר האט צוזאמענגענומען דאס גאנצע פאלק אינאיינעם, אנשים אנשים וטף, (זעה שפתי חכמים). דאס איז צו ווייזן, אז ווען מען שטייט אין א זמן אז מען דארף מעורר זיין אידן אויף קדושה, דארף מען זיך משתדל זיין צוזאמענצונעמען אלע אידן אינאיינעם 'בהקהל', און נאר מיט פאראייניגטע כוחות קענען מיר זיך מחזק זיין און זיך האלטן ערליך.

---

### - מצוה לשמוע דברי חכמים -

---

**צוליב די גרויסע נסיונות הזמן, די שטארקע סכנה וואס ס'הערשט אויף כלל ישראל צוליב די כלים, איז מען געזעסען מטכס עצה געווען וואס קען מען טון ארופצוברענגען דעם דעת הקהל צו פארשטיין און וויסן די סכנה וואס איז דא דערין, און יעדער זאל שפירן פאר זיך אז ער דארף מאכן ביי זיך גדרים וסייגים ער זאל זיך קענען פירן ערליך. מ'האט דן געווען דערויף, און מ'איז געקומען צו די מסקנא, אז מען דארף צוזאמנעמען אלע אידן אינאיינעם, גאנץ כלל ישראל, ס'איז נישט קיין נפקא מינא וועלכע קרייז ס'איז, ווער ס'איז א שומר תורה ומצות דארף זיין פארבינדן דערמיט להקהל ולעמוד על נפשינו, ארויסברענגען די הארבקייט דערפון און מאכן גדרים וסייגים פאר זיך וואס מ'קען טוהן פון היינט און ווייטער אפראטעווען אונזערע דורות מלרדת שחת, און רובא דרובא פון די גדולי ישראל האבן זיך מאחד געווען מסדר צו זיין דעם כינוס, ובראשם שטייען כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א, צוזאמען מיט הגה"צ רבי מתתיהו סאלאמן שליט"א, וואס איך האב זוכה געווען צו זעהן זייער עבודה פון דער נאענט, און איך בין זייער ערשטוינט געווארן צו זען וויאזוי זיי זענען איבערגעגעבן דערצו במסירת נפשם וגופם, זיי זענען נישט קיין אינגעלייט, נאר זקנים באים בימים, זייער שוואך אז זיי דארפן פשוט הילף צו קענען גיין, און זיי זענען עוסק אין דעם ענין שעות ארוכות ממש ביז אפיסת הכוחות, זאל זיי דער אייבערשטער שטארקן אויף ווייטער.**

**עס זענען דא מענטשן וואס זיי האבן שאלות און קשיות אויפ'ן כינוס, און איך בין דא נישט געקומען צו פארענטפערן זייערע פראגעס, ווייל מיר האבן מצוה פון "לשמוע דברי חכמים" אפילו ווען מיר פארשטייען עס נישט. און אויב די חכמי ישראל הייסן דאס צו טוען, א זאך וואס די גדולי ישראל וואס האבן זיך פאראייניגט אין דעם, זענען מסלתה ומשמנה פון כלל ישראל, פארמאגן מיר נישט אין אונזער דור גרעסער בתורה וביראה פון זיי, און מיר האבן נישט וואס נאכצוטראכטן נאך זיי. אין אלע דורות האבן אידן געפאלגט וואס די זקנים האבן געהייסן, און נאר דאס האט געהאלטן דאס אידישקייט אויף דער וועלט.**

---

### - די אמונת חכמים פון די אנשי פפוניא -

---

חז"ל זאגן אונז (פסחים מב.), אמר רב יהודה, אשה לא תלוש [א פרוי זאל נישט קנעטן די מצות פאר'ן יום טוב פסח], אלא במים שלנו, [נאר מיט וואסער וואס האבן איבערגענעכטיגט ביינאכט, ווייל אין די טעג פון חודש ניסן זענען די וואסער וואַרעם, וועגן דעם טוט מען דאס לאזן איבערנעכטן אויפדערנאכט, כדי זיי זאלן זיך אויסקילן], דרשה רב מתנה בפפוניא, [רב מתנה האט דאס גע'דרש'נט אין די שטאט פפוניא, און ער האט דאס גע'דרש'נט אויף לשון הקודש, און די צוהערער האבן פארשטאנען אז ער מיינט צו זאגן "מים שלנו", - "אונזער וואַסער", אז דאס מיינט רב מתנא'ס וואסער]. למחר אייתו כולי עלמא חצבייהו ואתו לגביה ואמרו ליה הב לן מיא, אמר להו אנא במיא דביתו אמרי, [אויפצומארגענס האבן אלע געברענגט זייערע קריגלעך, און זענען געקומען צו רב מתנה און געזאגט 'גיב אונז וואסער', האט ער זיי געזאגט, איך האב געמיינט צו זאגן פון די וואסער וואס האבן איבערגענעכטיגט].

פרעגט הגאון מליסא זצ"ל, דאס קען מען פארשטיין אז אזוי איז געווען די מעשה אז די אנשי פפוניא האבן נישט פארשטאנען די כוונה פון רב מתנה מיט די ווערטער 'שלנו', און האבן געמיינט אז רב מתנה מיינט צו זאגן אז מען טאר נישט קנעטן מצות נאר מיט די וואסער וואס זיי וועלן באקומען פון רב מתנה, אבער פארוואס דארפן די חכמי הש"ס אונז לאזן וויסן די מעשה? וואס איז אונז דאס א נפקא מינה צו וויסן אויב די אנשי פפוניא האבן זיך טועה געווען אין די ווערטער פון רב מתנה?

נאר, רבותינו בעלי הש"ס האבן אונז מיט דעם געוואלט מרמז זיין, אז מיר זאלן וויסן וויפיל א מענטש דארף זיין שטארק אין אמונת חכמים, און ח"ו נישט נאכטראכטן נאך זיין רבי'ן, אפילו מיט א זאך וואס איז זייער ווייט פון די מענטשליכער שֵׂכל. די גמרא דערציילט אונז דאס מיט דעם אז רב מתנה האט עס גע'דרש'נט אין לשון הקודש אז א פרוי זאל נישט קנעטן נאר מיט מים שלנו, - עס איז זיכער אז די אנשי פפוניא האבן נישט פארשטאנען קיין שום סברא און קיין שום טעם, פארוואס זאל א פרוי נישט מעגן קנעטן נאר מיט זיין וואסער, רב מתנה נעמט דאך אויך זיין וואסער פון א געוויסן טייך און זיי וועלן זיך באנוצן מיט די וואסער, און וואס איז בעסער זיין וואסער פון זייער וואסער? היינט צו טאג אויב וואלט א רב אין שטאט דאס אויסגערופן, וואלט מען געזאגט אז מסתמא וויל ער שוין מאכן א געוויסן געשעפט מיט דעם, און נאר ווייניג מענטשן וואלטן געקומען נעמען מים שלנו. מיט דעם אלעם האבן די אנשי פפוניא נישט נאכגעטראכט גארנישט נאך זייער רבי'ן, צוליב זייער שטארקע אמונה אין אמונת חכמים, און אלע זענען געקומען מיט זייערע קריגלעך און געזאגט 'גיב מיר וואסער'. חז"ל האבן אונז מודיע געווען די מעשה, כדי אז מיר זאלן זיך אויסלערנען ווי שטארק מען מוז גלייבן אין אמונת חכמים, און מיט דעם וועט א מענטש באקומען זיין שלימות אין קנין התורה (הובא בספר בית פנחס דף קלח).

דער פסוק זאגט אין אונזער פרשה, ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם (יח-ה). דער נועם מגדים זאגט אז די תורה האט באפוילן לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל (דברים יז-יא), און די חכמי ישראל דארפן מאכן גדרים וסייגים צו די תורה, משמרת למשמרת, און מיר זענען באפוילן געווארן מפי הגבורה זיי צו פאלגן. און וועגן דעם, נאכדעם וואס דער פסוק זאגט 'את משפטי תעשו ואת חקותי תשמרו' וגו', וואס דאס זענען די חוקי ומשפטי התורה, האט השי"ת מוסיף געווען נאך א ציווי אויף שמירת דברי חכמים, ושמרתם את חקותי ואת "משפטי אשר יעשה אותם האדם", און מיט דעם געוואלט זאגן די משפטים וואס א מענטש וועט דאס מאכן, און מחדש זיין מצוות און סייגים לתורה, וחי בהם, אויפ'ן קיום אט די מצוות איז דא שכר אויף דער וועלט, (עי' שם). מען קען מוסיף זיין דערויף, אז דער פסוק זאגט דא ושמרתם 'את חקותי ואת משפטי', ווייל זאכן וואס זענען פארשטענדליך ווערן אנגערופן 'משפט', און זאכן וואס זענען נישט פארשטענדליך און מען קען דאס אפפרעגן, ווערן אנגערופן 'חוקים', און מיר האבן א מצוה לשמוע דברי חכמים אויך ווען זיי זאגן על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין (רש"י שם), בבחינת 'חוקים', און אויך דאס דארפן אפהיטן.

---

### קלארשטעלונג איבער דעם כינוס

---

מיט דעם אלעם דארף מען קלאר מאכן על כל פנים עטליכע נקודות וואס זענען נוגע פאר די 'שומעים דברי חכמים', אז זיי זאלן פארשטיין דער גרויסער זכות וואס זיי האבן מיט זייער קומען צום כינוס, ולעומת זה דער חוב אויב זיי וועלן זיך מתרשל זיין דערין. ס'איז דא וואס זאגן אז מיר האבן שוין פארלוירן די מלחמה, און זיי זענען זיך מייאש זאגענדיג אז ס'איז שוין נישטא וואס צו טוען, די רבנים האבן שוין געזאגט דרשות דערוועגן, און דער וואס האט געהערט האט שוין געהערט, און וואס

[פאָרזעצונג אויף קומענדיגע זייט]

# דרשת פרקי אבות

## מאת כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

### בענין כינוס "הצלת הדורות" שב"ק פרשת אחרי קדושים תשע"ב לפ"ק

[פאָרזעצונג פון די פריערדיגע זייט

קענען מיר טוען פאר דעם וואס וויל נישט פאלגן?. עס זענען דא וואס זאגן 'עס איז טאקע אמת אז דער כינוס איז א חשוב'ע זאך, אבער דאס איז נישט נוגע פאר מיר, נאר פאר די פשוטי עם, איך בין ב"ה מסודר, איך האב נישט קיין שום צוטריט צו די כלים, נישט אין שטוב, און נישט אין מיין טאש, איך האב שוין ב"ה א פילטער, און וואס פאר א תועלת האב איך מיט מיין קומען, ביי מיר האבן זיי שוין גע'פועל'ט אויך בעפאר'ן כינוס'. און נאך מער - עס ווענלן זיך דארט צוזאמענקומען אלע סארטן אידן, און ער שטעלט זיך פאָר זיין מצב אין אידישקייט איז אסאך מער ווי זיי, און פארוואס דארף ער זיך אויסמישן צוזאמען מיט זיי צו הערן דעם דבר ה'; און ס'איז דא אסאך וואס פארשטייען נישט פארוואס פעלט בכלל אויס צו מאכן אזא גרויסן כינוס, מען קען דאך מסדר זיין איין טאג אין יאר, אז יעדער רב זאל צוזאמענעמען זיין בני הקהלה און זאגן א דרשה פאר זיי בחומר האיסור.

**און כדי קלאר צו שטעלן די ענינים, וועל איך קודם דערמאנען, אז אויף די צווייפלען זענען שוין די גדולי ישראל געזעצן אסאך שעות, די לעצטע יאר-צוויי, דן צו זיין אויפ'ן כינוס מיט אלע צדדים און פרטים, און נאך אסאך שיקול הדעת זענען זיי געקומען צו די החלטה מסדר צו זיין דעם כינוס. - צו ארגאניזירן אזא כינוס איז נישט קיין גרינגע זאך, די קאסטן זענען עטליכע מיליאן דאללער, וואס פאר דעם האט מען געדארפט די הילף פון די נדיבי עם, סיי מיט זייערע נדבות, און נאך מער צו נעמען הלוואות, כדי אז מען זאל דאס קענען אדורכפירן, אשרי חלקם פון די וואס העלפט דאס צו. מען איז צוגעגאנגען צו מאחד זיין דעם כינוס מיט כובד ראש, און מיט'ן אריינלייגן גרויס פלאג. און נאך מער: מען קען דאך נישט רעדן צום ציבור אויף 'דברים שאין רוב הציבור יכולים לעמוד בה', און דא דארף מען דאך האבן די כלים צוליב מסחר, און דעריבער האט מען געדארפט צום ערשט מסדר זיין אז מיר זאלן קענען טרעפן א לעזונג מסדר צו זיין מיט קאמפאניס א פילטער פאר אט די אלע כלים, און יעצט האלטן מיר ב"ה אין אזא מצב, אז יעדער איינער וואס מוז אנקומען צו די כלים, סיי ווען ער איז געצווינגען דערצו צוליב זיין פרנסה, אדער צוליב אנדערע סיבות, אז ער קען זיך מסדר זיין אז ער זאל האבן א פילטער, פאר א גדר און א סייג אז ער זאל נישט נכשל ווערן.**

---

### דער שטארקער רושם אז רבבות אלפי ישראל קומען זיך צונויף אינאיינעם

---

און כדי פארשטיין אביסל פארוואס עס פעלט זיך אויס אזא גרויסן כינוס, יעדע קהלה קען זיך דאך צוזאמענקומען אינאיינעם, און מען זאל דרש'ענען פאר זיי דעם חומר האיסור, וועל איך צו דעם זאגן א משל: עס איז באקאנט אז אין מאנהעטן איז דא א גרויסער בנין וואס ווערט אנגערופן 'עמפייער סטעיט בילדינג', און יעצט איז שוין דא א העכערער בנין. ווער איינער פרעגן, פארוואס דארף מען א בנין פון הונדערט שטאק, מען קען דאך בויען הונדערט בנינים פון איין שטאק, דאס וועט אויסנוצן דאס זעלבע פלאץ, און עס וועט נאך זיין פיל ביליגער, און עס וועט נישט זיין מיט אזא גרויסע טירחא? - דער תירוץ אויף דעם איז, אז "מילתא דתמיה מדכרי אינשי" [מענטשן געדענקען א זאך וואס איז וואונדערליך און אינטערעסאנט], און אויב וויל מען אויפוועקן מענטשנ'ס באוואוסטזיין, אז זיי זאלן האבן א שטענדיג'דיגע זכרון פון די שטאט, בויעט מען דערין א שיינעם בנין, וואס זאל זיין אנדערש ווי אנדערע ערטער, און דאס זאל זיין ווי די שיינקייט און פראַכט פון די שטאט, און דאס איז גורם אז עס זאלן אהינקומען אין די שטאט מענטשן פון די גאנצע וועלט, כדי איר צו זען, און אויך נאכדעם וואס זיי וועלן פארלאזן די שטאט, זאלן זיי מיטנעמען מיט זיך א בילד פונעם בנין, אז זיי זאלן דאס קענען אייביג געדענקען, און נישט פארגעסן די טעג וואס זיי האבן זיך געדרייט אין די שטאט. דער בנין מיט אלעס ארום איר וועלן בלייבן איינגעקריצט אינעם מענטש'ס הארץ, און איבערלאזן אן אייביגער רושם אויף וואס ער האט געזען אין שטאט, אזוינס וואס טויזנטער קליינע הייזער קעגן דעם, וועלן נישט איבערלאזן א רושם אויף שפעטער אויף די וואס זעען איר.

**אזוי אויך לגבי אונזער ענין: יעדער רב האט דאך שוין גערעדט אין זיין ארט און קהלה, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, וועגן דעם גרויסן איסור פונעם אינטערנעט, און מיט דעם אלעם ליידער בעוה"ר זענען נאך פארהאן שטובער, און שוהלן, פול מיט די תועבות'דיגע כלים. מיר דארפן אויפשוידערן דעם דעת הציבור אויף אזא אופן, אז עס זאל פארבלייבן אויפ'ן מענטש א רושם אויף א לאנגע צייט, און דאס איז דורכ'ן פאראייניגן אלע גדולי ישראל אינאיינעם מיט זייערע בני הקהלה, און לאזן הערן דעם דעת תורה, אז עס קען שוין נישט הערשן אזא מצב, אז ווער עס האט די כלים זאל קענען אנגערופן ווערן אן ערליכער איד. דאס איז טריפה. און ווער ס'איז עובר אויף דעם ווערט אנגערופן אן עבריין און א רשע, און מען דארף אים מרחק זיין פון צווישן ערליכע אידן, און ער זאל נישט ווערן פאררעכנט צווישן זיי. און אז עס איז נישטא קיין שום מקום היתר בעולם צו האבן אזא כלי וואס איז נישט מסודר מיט א פילטער, אויך ווען ס'איז נוגע צו זיין פרנסה, און אז מיט דעם טוט ער גיין קעגן זיין גאנצען אידישקייט.**

---

### דאס בילד פון דעם מעמד וועט באגלייטן דעם מענטש כל ימי חייו

---

דער מעמד וועט שטיין קעגן זיינע אויגן כל ימי חייו, און ביז משיח'ס טאג וועט ער האלטן דאס בילד קעגן זיינע אויגן, און ער וועט דאס איבערגעבן פאר זיינע קינדער ווייטער, אז "איך בין געווען ביי די אסיפה וואס כלל ישראל און אלע גדולי ישראל זענען גיזעצן דארט, און האבן געלאזט הערן זייער מיינונג, דעת תורה, אז ס'איז נישטא דערויף קיין שום היתר". אזוי ווי הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל אב"ד קראקא האט געטייטש דעם פסוק 'ותמונה אינכם רואים זולתי קול' (דברים ד-יב), **ס'איז נישטא קיין שום בילד וואס א מענטש זעט פאר זיינע אויגן, וואס זולתי קול ס'זאל נישט זיין אין דעם קול וואס רעדט צו אים, , א זאך וואס א מענטש זעהט מיט די אויגן און ס'טוט אים מעורר זיין, דאס געדעקנט ער אויף שפעטער אויכעט.** און ווי די וועלט זאגט אז 'איין בילד רעדט מער ווי טויזענט ווערטער'. **דאס בילד פון דעם מעמד וואס ער זעט אלע גדולי ישראל צוזאמען, אין כלל ישראל צוזאמען, און מ'איז זיך צוזאמגעקומען אויף דעם צו אסר'ן א כלי וואס מ'טאר עס נישט נוצן, און געבן די וועגן וויאזוי מ'דארף עס צו נוצן, דאס איז א זאך וואס וועט בלייבן ביי אים אויף שטענדיג און ער וועט דאס געדענקען. און אויב וועט ער נישט פאלגן די ווערטער פון די גדולי וחכמי ישראל, ווייזט ער אז ער ווארפט אוועק זייערע ווערטער פאר זיינע אינטערעסן.** - אין ספר שבט מיהודה (פרשת מצורע) שטייט, אז ער האט געהערט פון הגה"ק רבי הלל מקאלאמייא ז"ל, וויאזוי ער האט געזאגט מוסר פאר א פושע ישראל ווען ער איז געפאָרן מיט אים, און נאכדעם האט ער געזאגט, איך ווייס אז מיינע ווערטער ווענלן נישט אריינגיין אין די אויערן פון דעם פושע, און ער וועט נישט פארבעסערן זיינע וועגן, דאך האב איך אים געזאגט מוסר, ווייל ווען זיין צייט וועט קומען, און ער וועט האלטן נאענט צום שטארבן, וועט ער זיך דעמאלט דערמאנען וויאזוי מיט אסאך יארן צוריק האט מיר אן אלטער איד געזאגט, אז מיט'ן טוען דאס און דאס, טוט ער א גרויסע עבירה אויף וואס ס'איז דא א חיוב כרת, און דעמאלט וועט ער חרטה האבן אויפ'ן עבר, און ער וועט כאטשיק שטארבן מתוך תשובה, עכ"ד.

---

### די בחורי הישיבות זאלן זיך משתתף זיין אין דעם כינוס

---

איך וויל מיט דעם מוטיגן אז מען זאל שיקן אויך די בחורי הישיבות זיך משתתף צו זיין אין דעם כינוס, ווייל "ביטולה של תורה זוהי קיומה", [דאס מבטל זיין די תורה, איז דער קיום התורה]. זיי מוזן דאס הערן באצייטענס, אינגערהייט, אז א איד מיט אינטערנעט איז נישט נישט קיין ערליכער איד. עס וועט נאך קומען איין טאג ווען זיי ווענלן האלטן ביי דעם נסיון, און נאך זייער חתונה ווענלן זיי האבן דעם נסיון אויך מצד זייערע בני בית, די פרוי ארבייט אין די פלעצער וואו ס'זענען דא די כלים, אדער דארף זי האבן די כלי אין איר שטוב פאר איר פרנסה, און זי דארף וויסן וואס צו טוען. מען דארף אין זיי איינווארצלען באצייטענס ווען זיי האבן נאכנישט דעם נסיון, אז זיי זאלן וויסן אז דאס איז טריפה, און אזוי ווי מען ברענגט נישט קיין חזיר צו זיין טיש, אזוי אויך ברענגט מען נישט אהיים די כלי אין שטוב. - פאר א צייט צוריק איז צו מיר געקומען א תלמיד תיכף נאך זיין חתונה, און ער האט מיר געזאגט אז זיין ווייב ארבייט ביי איר טאטן, און זי האט אים דערציילט אז דארט איז דא אן אינטערנעט אן א פילטער. ער האט איר געזאגט "איך קען דיר נישט געבן קיין רשות צו ארבייטן ווייטער דארט, איידער איך וועל פרעגן דעם רב אויב דו מעגסט ארבייטן דארט". זי האט דאס דערציילט פאר איר טאטן, און תיכף צומארגנס האט מען מסדר געווען דארט א פילטער. - **נאך מער: דאס וועט אסאך משפיע זיין אויך אויף די עלטערנ'ס שטוב, - זיין טאטע וועט זיך מער נישט קענען דרייען מיט די כלים, אדער עס אהיימברענגען אין זיין שטוב, ווען זיין זון וועט אהיימקומען און זאגן אז אלע גדולי ישראל האבן דאס גע'אסר'ט, וד"ל.**

---

### כינוס כללי דורך כ"ק מרן מסאטמאר זי"ע בהשתתפות רבנים פון אלע קרייזן

---

**איך געדענק ווען איך בין געווען א אינגער בחור, און עס זענען דעמאלט געווען אסאך מערכות לצורך חיזוק הדת אין ארץ ישראל, און אמאל איז געווען א כינוס כללי לצורך חיזוק הדת אין אמעריקע, דורך כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע, און ער האט געהייסן אז די בחורים זאלן זיך משתתף זיין דערין. די אסיפה איז פארגעקומען אינאיינעם מיט די ליטווישע ראשי ישיבות, מיט זייערע תלמידים און קהילות, און עס זענען געזעצן אויפ'ן אויבנאן פון איין זייט די גדולי ישראל פון די חסידים, און פון די אנדערע זייט די גדולי ישראל פון ליטא, און עס זענען געווען דרשנים פון ביידע זייטן, און יעדער איינער האט מעורר געווען אויף א ספעציעלן ענין. מרן מסאטמאר זי"ע האט דעמאלט גערעדט וועגן פסול'ע תפילין און מזוזות וואס זענען געווען שטארק צעשפרייט צווישן אמעריקאנער אידן*. עס ליגט מיר אין זכרון אז אויך הגה"צ מצעהלים זצ"ל האט דעמאלט געזאגט א דרשה, און ער האט מעורר געווען אויף שמירת מצות התורה, אז אויב איז דא אן אמת'דיגע רצון, איז נישט אזוי שווער צו זיין א שומר תורה ומצוות וכו'. ער האט געזאגט בצחות לשונו, דער פסוק זאגט דרשו ה' ועוזו (תהלים קה-ד), אז אין די ענגלישע שפראך וועט א גרינגע זאך אנגערופן 'איזי', דרשו את ה', ועוזו, עס איז נישט אזוי שווער, נאר גרינג.**

**און איך זאג עדות אויף מיר, אז דער בילד, פון אסאך זקני גדולי ישראל אויף די בימה, און די טויזענטער מענטשן וואס האבן זיך משתתף געווען דערין, האט אויף מיר געלאזט אזא שטארקן רושם, אז איך וועל עס קיינמאל נישט פארגעסן. פארוואס זאלן נישט אונזערע אינגווארג זען אזא מעמד, וואס וועט זיין קעגן זייערע אויגן און זיי ווענלן עס נישט פארגעסן, וויאזוי ער איז געשטאנען במעמד גדולי ישראל מיט זייערע קהילות, וואס זענען זיך צוזאמענגעקומען און אויסגערופן א מלחמת חרמה קעגן דעם אינטערנעט וואס איז מכלה מנפש ועד בשר.**

**דער כינוס איז 'בלתי לה' לבדו', לשם שמים, זיך מחזק און מתאמץ צו זיין בקדושתן של ישראל. און אלע משתתפים דערין זענען שומרי תורה ומצות בכל פרטיה. ווייל ווער עס קומט אהין, ווייסט פון פאראויס אז דארט וועט מען הערן נאר גדרים וסייגים צו זיין אויפפירונג, און ווער עס וויל דאס נישט קומט בכלל נישט, ווייל ווער צווינגט אים צו קומען? און עס איז פארשטענדליך אז אויך די פשוטי עם וואס ווענלן קומען, זיי קומען פון שטובער וואס זייערע עלטערן זענען געווען נאך פיל מער ווייטער פון זיי אין זייער אידישקייט, און זיי האבן איבערגעלאזט די וועגן פון זייערע עלטערן, און זיי ווילן לעבן א לעבן פון תורה בקדושה וטהרה, און זיי קומען מיט א ריינע כוונה זיך צו מאכן גדרים און צו היטן אויף זיך און די קינדער.**

---

### קיין שום מענטש איז נישט פארזיכערט אין זיין מצב

---

עס ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם מחזק צו זיין דעם כינוס, אויך מענטשן וואס האבן יעצט נישט די כלי, אדער זיי האבן שוין א פילטער, דארפן זיך משתתף זיין און באקומען שטענדיגדיגע חיזוק, אויב האט ער נישט היינט, איז ער נישט פארזיכערט אז ער וועט נישט האבן מארגן, און ער וועט נישט קענעןביישטיין דעם נסיון. די אסיפה וועט איינקריצן אין זיין הארץ די הארבקייט פון דעם איסור דערין, ווייל קיין שום מענטש איז נישט פארזיכערט אין זיין מצב וואו ער האלט יעצט. מיר געפונען ביי רבי ישמעאל בן אלישע אז ער האט געזאגט 'אני אקרא ולא אטה', [חז"ל האבן פארבאטן צו לייענען שבת לאור הנר, אויס מורא אז מען וועט דורכדעם בייגן דעם קנויט, און צוקומען צו חילול שבת ח"ו. האט רבי ישמעאל געזאגט איך וועל לייענען און איך וועל נישט בייגן], 'וקרא והטה', ער האט געליינט און ער האט יא געבויגן, 'וכתב על פנקסו אני ישמעאל בן אלישע קריתי והיטיתי נר בשבת, לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמינה', [און ער האט געשריבן אויף זיין ביכל, איך ישמעאל בן אלישע האב געליינט און איך האב געבויגן א ליכט אום שבת. ווען דאס בית המקדש וועט אויפגעבויעט ווערן, וועל איך ברענגען א פעטן קרבן חטאת] (שבת יב:). אויך האבן חז"ל געזאגט, (סנהדרין קז.) אמר רב יהודה אמר רב לעולם אל יביא אדם עצמו לידי נסיון, [א מענטש זאל זיך קיינמאל נישט ברענגען צו א נסיון], שהרי דוד מלך ישראל הביא עצמו לידי נסיון ונכשל, עיי"ש. יעדער איינער דארף זיך מאכן פאר זיך גדרים וסייגים אז ער זאל נישט נכשל ווערן אין א חטא, און יעדער איינער דארף שטענדיג צו הערן דברי חיזוק, אז ער זאל נישט נאכלאזן פון זיך פירן ערליך.

---

### המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

---

מען דארף אויך מעורר זיין אויף דעם, און דאס איז נוגע אויך אויף אנדערע דרשות פון חכמי ישראל, אז שטענדיג אין אלע דורות איז געווען איינגעפירט, אז בשעת דער רב האט גע'דרש'נט פלעגן זיך צוזאמענקומען אויך די תלמידי חכמים און בני תורה, נישט דערפאר ווייל זיי האבן געדארפט צוקומען צו די דברי מוסר וואס דער רב האט געזאגט, נאר ווייל מיט דעם האבן זיי געגעבן אסאך חיזוק פאר'ן רב וואס האט געזאגט די דרשה, אז זיינע ווערטער זאלן ווערן אנגענומען ביי אנדערע, וואס האבן זיך צוגעקוקט און געזען, אז אויב די חשוב'ע אידן זענען געקומען הערן די דרשה, האט ער אויך זיכער וואס צו הערן און מקבל זיין. דאס הייסט אז ס'זענען געווען מענטשן וואס זענען געקומען הערן, און ס'זענען געווען וואס זענען געקומען געבן חיזוק כדי אז אנדערע זאלן דאס הערן. און אזוי אויך לענינינו, דער ריבוי העם מאכט א רושם אויף אלע משתתפים, - עס זענען דאך דא טויזענטער אידן וואס זענען נאכנישט אנגעקומען צו די מדה, צו אנערקענען דער שאדן פונעם אינטערנעט, און עס זענען פארהאן אסאך פון צווישן אונז וואס קענען זיך מתגבר זיין אויף זייער יצר עס אוועקצואווארפן, און יעדער איינער וואס איז זיך משתתף האט א חלק אין די תכלית וואס וועט ארויסקומען פון די אסיפה, מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, און ער איז פון די מזכי הרבים וואס "אין חטא בא על ידו". מכל-שכן ווען ער איז א מענטש וואס האט א גרויסע השפעה אויפ'ן ציבור, איז ער - מיט זיין קומען - פון די מזכי הרבים אויף א גרעסערן אופן. אויך איך וועל זיך אי"ה משתתף זיין אין דעם כינוס, אפילו אויב ס'איז נישט נוגע פאר מיר וואס איך וועל הערן, דאך וועל איך קומען צו געבן חיזוק פאר דעם כינוס. און די זאך איז

[פאָרזעצונג אויף זייט 22]

# מאת כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

## בענין כינוס "הצלת הדורות" שב"ק פרשת אחרי קדושים תשע"ב לפ"ק

[פאָרזעצונג פון זייט 15]

שייך אויך ביי יעדן איינעם פון יעדער איד.

**און מיר זענען זיכער אז אויב וועט מען מצליח זיין מיט דעם כינוס מעורר צו זיין דעת הקהל, וועלן נאכדעם די מוסדות התורה קענען מאכן פעסטע תקנות פאר די עלטערן פון די קינדער אין זייערע מוסדות, און יעדע קהלה וועט דערנאך זיך קענען שטארקן אז מען וועט נישט אננעמען אלס א מעמבער דעם וואס פאלגט נישט, און מען וועט אים נישט געבן קיין רשות צו דאווענען פאר'ן עמוד, אדער אים צו געבן א עליה לתורה, און ער וועט האבן א דין כאילו דער וואס האט א טעלעוויזיע אין זיין שטוב, אז ער האט נישט קיין מקום צווישן אידן החרדים לדבר ה'.**

---

### ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת, וח"ו להיפך

---

דער פסוק זאגט (דברים כז-כו) ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם, ואמר כל העם אמן. עס שטייט אין ירושלמי (סוטה ז-ד) אמר רבי אסי בשם רבי תנחום בר חייא, למד ולימד ושמר ועשה, והיה סיפוק בידו להחזיק, ולא החזיק, הרי זה בכלל ארור ע"כ. און דער רמב"ן שרייבט (שם) "ידרשו בהקמה הזאת, בית המלך והנשיאות שבידם להקים את התורה ביד המבטלים אותה, ואפילו היה הוא צדיק גמור במעשיו, והיה יכול להחזיק התורה ביד הרשעים המבטלים אותה, הרי זו ארור", עכל"ק. [אין אידיש: זיי האבן פארלאנגט מיט די 'הקמה', פונעם מלך'ס הויז, און די נשיאים, וואס אין זייערע הענט ליגט די מעגליכקייט אויפצושטעלן די תורה, אין די הענט פון די וואס טוען איר מבטל זיין, און אפילו ער אליין איז געווען א צדיק גמור מיט זיינע מעשים, און ער האט געקענט צוהאלטן די תורה אין די הענט פון די רשעים וואס טוען איר מבטל זיין, איז ער ארור]. - אזוי אויך פארקערט, ווער עס איז מחזק די תורה, און ער קומט זיך משתתף זיין אין א מעמד פון החזקת קיום התורה, וואס איר ריינע כוונה איז מחזק צו זיין גדרי הקדושה בישראל, איז ער בכלל ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם.

דער פסוק זאגט (ויקרא כו-ח) ורדפו מכם חמשה מאה, ומאה מכם רבבה ירדופו, אין רש"י שטייט "וכי כך הוא החשבון, והלא לא היה צריך לומר ומאה מכם שני אלפים ירדופו, אלא אינו דומה מועטין העושין את התורה, למרובין העושין את התורה", עכ"ל. זעען מיר דאך, אז יעדער יחיד וואס טוט זיך צושטעלן מיט'ן רבים, האט נישט קיין כח ווי א יחיד, נאר ער האט א כוח ווי פינף מאל אזויפיל. און אויב איז דאס כלפי הונדערט וואס זענען מחזק די תורה, איז אוודאי ווי גרעסער עס איז דער זכות פון יעדן איינציגן יחיד וואס איז זיך מצרף צו רבבות ישראל, אז עס ווערט גערעכענט פיל פיל מער.

---

### - דער וואס איז משתתף אין דעם כינוס רופט אויס "איך בין פון דעם לגיון של מלך"

---

דער עצם כינוס פאר זיך, אז עס קומען זיך צוזאם רבבות ישראל וואס רופן אויס אינאיינעם "מי לה' אלי", מיר זענען געטריי צום אויבערשטן און צו זיין תורה, מיר ווילן גיין בדרך התורה, מיר קומען הערן דברי חכמים, דאס אליין איז א געוואלדיגע קידוש השם, און וואויל איז צו דעם וואס האט א חלק דערין, און יעדער איינער וואס איז זיך משתתף דערין, איז אזוי ווי איינער וואס גיט א 'סאַלוט' פאר'ן מלך מלכי המלכים, און רופט אויס: "איך בין פון דעם לגיון של מלך! איך בין מיט דיר! איך וויל מיך האלטן ביי די תורה!".

---

### אל תפרוש מן הציבור

---

און אויף דעם האט די משנה מרמז געווען, הלל אומר אל תפרוש מן הציבור, און ווי דער ברטנורא זאגט, "אלא השתתף בצרתם", דו זאלסט זיך משתתף זיין אין זייער צרה, ווי חז"ל זאגן "שכל הפורש מן הציבור, אינו רואה בנחמת הציבור", (תענית יא.), ווער איז שיידט זיך אפ פונעם ציבור, וועט נישט זען אין די נחמה פונעם ציבור. און ווען גדולי ישראל נעמען צוזאם דעם ציבור אינאיינעם, שטיי נישט אין דער זייט, און טייל זיך נישט אפ פון זיי. מיר אלע דארפן רחמי שמים אויף אונזערע קינדער אז זיי זאלן נישט אוועקפאלן, און נאר דער וואס איז זיך משתתף מיט'ן ציבור, וואס א-ל כביר לא ימאס, ער וועט זוכה זיין צו זען נחת פון זיינע קינדער. - **איך האב געהערט פון א מחנך, אז אין זיין ישיבה איז דא א בחור וואס איז ליידער זייער געזינקען וואס האלט שוין ליידער בדיוטא התחתונה, און זיין טאטע האט בכלל נישט קיין אַהנונג דערפון, ער מיינט ער האט זייער א וואילע זון, און די פארגאנגענע וואך האט ער געזען זיין טאטן זיצט מיט א קיפקע און שיסט פעך און שוועבל אויף די כינוס וואס גייט זיין. האב איך אים אזוי אנגעקוקט די שיסט פעך און שוועבל אויף דעם כינוס, דו ווייסט נישט נעבעך וואס טוט זיך ביי זיך אינדערהיים, דו האסט א קינד ליידער וואס דארף האבן רחמים מרובים, ה' ישמרנו.**

---

### אל תאמין בעצמך עד יום מותך

---

און דו זאלסט נישט זאגן אז דער כינוס איז נישט נוגע צו דיר, דו האסט א שמירה מעולה, און דו דארפסט נישט קיין חיזוק, אויף דעם זאגט די משנה ווייטער, "ואל תאמין בעצמך עד יום מותך", און ווי דער ברטנורא זאגט, "שהרי יוחנן כהן גדול שימש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף נעשה צדוקי" (ברכות כט.), איך א כהן גדול וואס האט זוכה געווען אריינצוגיין לפני ולפנים אכציג יאר אין איין ציה, איז מעגליך אז ער זאל אראפפאלן פון זיין מדריגה, אזוי אויך זאלסטו נישט גלייבן אין דיר אליין, קיין שום מענטש איז נישט פארזיכערט אין זיין מצב און אין זיין מדריגה, און ער דארף באקומען שטענדיגדיגע חיזוק קעגן די נסיונות הזמן.

---

### אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו

---

און אויב דו האסט א קלער זיך פורש צו זיין פונעם ציבור וועגן די מענטשן וואס וועלן קומען אהין, אויף דעם זאגט די משנה, אויב איז יענער א שומר תורה ומצוות, אפילו ער שטייט נישט צוזאמען מיט דיר אויף דיין מדריגה, זאלסטו אים נישט דן זיין אויף נישט-גוט, ביז דו וועסט אנקומען צו זיין ארט, אז דו וועסט זיך מתבונן זיין און זען פון וועלכע ארט ער קומט, וועט דיר דאן נתברר ווערן אז עס איז מעגליך אז ער האט פיל מער מסירות נפש פון דיר אויף זיין אידישקייט, און אפשר אויב וואלסטו נתחנך געווארן אויף זיין ארט, וואלסטו געשטאנען פיל ווייטער פון אים, און ער איז א גרעסערער צדיק ווי דו.

---

### סוף דבר "הכל נשמע" - יעדער טוט צום סוף תשובה

---

און קעגן די וואס זענען זיך מייאש און זאגן, אז ס'איז שוין נפרץ געווארן דער גדר, און מען קען שוין נישט מתקן זיין, מען זאגט דרשות און מענטשן זענען נישט גרייט מקבל צו זיין, אויף דעם קומט דער תנא און ער איז מוסיף, "ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע", - זאלסט זיך נישט צוריקהאלטן פון לאזן הערן דיין קול בדברי תוכחה, זאגנדיג אז די זאכן וועלן נישט מקובל ווערן אויף די הערצער פון די אידן, אז זיי זאלן דאס קענען הערן; עס איז נישט אזוי, נאר "ישראל קדושים", - "וסופו להשמע"!, אויב וועט דאס נישט העלפן היינט, וועט נאך קומען א טאג וואס ער וועט נתעורר ווערן און ער וועט זיך דאס נעמען צום הארצן, און צום סוף וועט ער פאלגן. און אויב וועט ער זוכה זיין צו הערן נאר בסוף ימיו, ווען ער ליגט על ערש דוי בעפאר זיין שטארבן, און ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט מיט הרהורי תשובה, וואלט כדאי געווען צו הערן נאך אמאל און נאך אמאל, ביז צום סוף וועט מען אויסהערן און פאלגן די ווערטער.

---

### דאס השראת השכינה פון צוויי און צוואנציג טויזענט

---

און מיט דעם ווילן מיר צוריקקומען צו אונזער משנה, אז דער תנא האט אונז געלאזט הערן וויאזוי יעדער איינער וואס טוט זיך אנשליסן צו זיין חבר מאכט א רושם מיט השראת השכינה, ווייל אויב ווען איינער וואס זיצט און לערנען איז דא ביי אים השראת השכינה, מיט דעם אלעם אויב ווערט ניתוסף נאך איינער, איז דא א גרעסערע מדריגה אין השראת השכינה, אזוי אויך ווען עס טוען זיך מוסיף זיין דריי און פינף און צען. און ווי עס שטייט אין אור החיים הק', (בראשית מו-ד), וז"ל: אשכילך כי הדרגת אור השכינה רבים המה, כי עשרה שיושבים ועוסקים בתורה שנו רבותינו כי שכינה שרויה ביניהם, ואפילו שנים ואחד אמרו ז"ל כי מצויה שכינה. ומצינו (תנחומא סוף תצוה) שלא ירדה שכינה ביניהם של ישראל אלא אחר שעשו המשכן, ואחר כמה הכנות האמורים, ובירידתה ראו מעשה ה' וכבוד ה' מלא המשכן, מה שאין הרגש כן ולא כיוצא בו בשעה שעוסקים בתורה אפילו אלף, אלא ודאי יש הדרגות אין מספר להם להשראת שכינה, בסוד כי גבוה מעל גבוה שומר (קהלת ה-ז), ויתרבה האור בהשראתו כפי בחינת הסובב השראת השכינה. וצא ולמד השראת השכינה בהר סיני, ולמטה ממנה השראתו בבית המקדש, ולמטה ממנה השראת השכינה על הנביא, ובית הכנסת, ובית המדרש, ובין עשרה שעוסקים בתורה, ולמטה בהדרגות המנין ע"כ. און אין פרשת ברכה (דברים לג-ב) זאגט עס דער אור החיים הק' נאכאמאל.

און מיר געפונען ביי השראת השכינה נאך א גרעסערע מעלה פון דאס וואס ס'ווערט אויסגערעכנט אין אונזער משנה, און דאס איז אין די גמרא (יבמות סד.) ובנוחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל (במדבר י-לו), "מלמד שאין השכינה שורה על פחות משני אלפים ושני רבבות מישראל, הרי שהיו ישראל שני אלפים ושני רבבות חסר אחד, וזה לא עסק בפריה ורביה, לא נמצא זה גורם לשכינה שתסתלק מישראל", ע"כ. **זעען מיר פון דעם, אז ס'איז דא א ספעציעלע השראת השכינה אויף צוויי-און-צוואנציג טויזענט אידן. און ווי פארשטענדליך, אויב מען טוט זיך צוזאמענעמען אינאיינעם אוף איין ארט, ומכל שכן אין א כנסיה וואס איז לשם שמים, וועט זיין נפש לייכטן מיט דעם וואונדערליכן אור פון די השראת השכינה פון דעם ארט, און ווער עס פארפעלט אפילו איין נומער פון דעם צאָל, איז ער גורם אז די שכינה זאל זיך אפטאן ח"ו. עס מאכט זיך נישט יעדן טאג אז עס זאלן זיך צוזאמענקומען אזא גרויסער קיבוץ פון אידן, אז עס זאל דארט זיין א השראת השכינה אויף אזא גרויסן פארנעם. און איך בין זיכער אז דער וואס וועט זיין דארט, וועט זיך כולל זיין אין דעם כלל פון די ברכה פון "כל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך".**

---

### המקבל פני חכמים כאילו מקבל פני שכינה

---

נאך א גרעסערער זכות איז דא מיט דעם כינוס, אז עס קומען זיך דארט צוזאם אינאיינעם רוב גדולי ישראל פון אונזער מקום, און חז"ל זאגן דאך אין ירושלמי (עירובין ה-א) און אין מכילתא (שם) ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכול לחם עם חותן משה לפני האלקים (שמות יח-יב), מכאן, שהמקבל פני חכמים כאלו מקבל פני שכינה. און אלע משתתפים אין דעם כינוס זענען זוכה מקבל צו זיין פני השכינה, וואס איז 'באור פני מלך חיים', און השי"ת וועט זיי אוודאי בענטשן מיט כל הברכות האמורות בתורה.

דרך אגב האב איך געזען א דבר פלא אין שיטה מקובצת (בבא קמא פג), וואס שרייבט, אז ס'איז דא וואס זענען גורס אז "אין השכינה שורה פחות משני אלפים רבואות", דאס מיינט דער נומער פון צוואנציג מיליאן. און ער ברענגט בשם א גאון וואס זאגט פשט, אז דער סכום פון כלל ישראל אין מדבר, מיט די נשים און קליינע קינדער, זענען געווען דער נומער, און ששים רבוא זענען געווען נאר די זכרים פון בני עשרים ביז בן שישים, עיין שם. און דאס מיינט אז די מספר פון די קליינע קינדער זענען דארט געווען זייער גרויס, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות א-ז) ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד, און עס שטייט אין מדרש (שמו"ר א-ח) אז מען האט געבוירן ששה בכרס אחד, ויש אומרים ששים, עיין שם.

---

### תפילה על דורותינו וצאצאינו

---

מען האט קובע געווען דעם טאג פונעם כינוס אויפ'ן טאג פון ערב ראש חודש סיון, א טאג וואס איז מסוגל פאר תפלה על דורותינו וצאצאינו, ווי עס איז באקאנט פונעם של"ה הקדוש, אז דער כח התפלה איז זייער גרויס מעורר צו זיין רחמים שמים, אז מיר זאלן קענען זיך אויסהיטן און זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות היצר וואס שטייט פאר אונז. חז"ל (יומא סט:) האבן דערציילט, אז נאכדעם וואס עזרא האט מעורר געווען דעם פאלק וואס האבן זיך צוריקגעקערט פון גלות, אז זיי זאלן אפשיידן אלע זרע ישראל פון אלע בני נכר, האבן זיי זיך מתוודה געווען אויף זייערע זינד, און דער פסוק (נחמיה ט-ד) זאגט ויזעקו בקול גדול אל ה' אלקים, מאי אמור, אמר רב ואיתימא רבי יוחנן, בייא בייא, היינו האי דאחרביה למקדשא, וקליה להיכליה וקטלינהו לכולהו צדיקי, ואגלינהו לישראל מארעהון, ועדיין מרקד בינן [מען בעט רחמים אז ער זאל איבערגעבן אין זייערע הענט דעם יצר הרע פון עבודה זרה], כלום יהבתיה לן אלא לקבולי ביה אגרא [פארוואס האבן דעם יצר הרע, כדי מיר זאלן זיך צווינגען צו היטן די תורה און באקומען שכר], לא איהו בעינן ולא אגרא בעינן, [מיר דארפן נישט דעם יצר הרע און נישט די שכר], נפלא להו פיתקא מרקיעא דהוה כתב בה אמת [איז אראפגעפאלן א צעטל פון הימל און דארט איז געשטאנען 'אמת', דאס מיינט איך בין מסכים מיט ענק], אמר רב חנינא שמע מינה חותמו של הקדוש אמת. אותיבו בתעניתא תלמא יומין ותלתא לילואתא, מסרוהו ניהליהו. נפק אתא כי גוריא דנורא מבית קדשי הקדשים, אמר להו נביא לישראל היינו יצרא דעבודה זרה וכו', אמרו הואיל ועת רצון הוא, נבעי רחמי איצרא דעבירה, בעו רחמי ואמסר בידייהו, [האבן זיי געזאגט, וויבאלד ס'איז יעצט אן עת רצון, לאמיר בעטן רחמים אויף די יצר הרע פון עבירה, האבן זיי געבעטן רחמים, און מען זיי איבערגעגעבן דעם יצר הרע אין זייערע הענט]. אמר להו חזו דאי קטליתו ליה לההוא כלי עלמא, חבשוהו תלתא יומי, ובעו ביעתא בת יומא בכל ארץ ישראל ולא אשתכח, אמר היכי נעביד, נקטליה כליא אעלמא, ניבעי רחמי אפלגא, פלגא ברקיעא לא יהבי, כחלינהו לעיניה, [מען האט בלינד געמאכט זיינע אויגן דורך פארב], ושבקוהו, ואהני דלא מיגרי ביה לאיניש בקריבתה, ע"כ.

**זעען מיר פון דעם די גרויסקייט פון כח התפלה. הקב"ה טוט אויספרובירן דעם דור מיט א נסיון, אז מיר זענען כמעט געצווינגען צו האבן די כלים לצורך פרנסה, און מיר דארפן שרייען במעמד רבבות ישראל, "לא איהו בעינן ולא אגריה בעינן", און דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון דעם יצר הרע, ומשעות הרעות. און עס איז זיכער אז ווען עס וועלן זיך צוזאמענקומען שלומי אמוני ישראל אינאיינעם, און שרייען צום אייבערשטן בקול גדול, וועט דער אייבערשטער זען אז עס טוט אונז וויי אונזער מצב, "האב רחמנות אויף אונז און אויף אונזערע קינדער", און עס איז זיכער אז דאס וועט מאכן א רושם ואות לטובה אויבן, אז כאטש זאל מען אונז ממציא זיין מן השמים, פאר יעדן טעכנישע כלי וואס ס'איז דא אויף דער וועלט, און די פרישע וואס וועלן נאך נאכקומען, אז ס'זאל אויך זיין א רפואה למכה, אז מיר זאלן קענען מאכן א גדר דערפאר.**

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן קענען מקדש זיין שם שמים ברבים, און "ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת", איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק ואמץ, און עס זאל ביי אונז מקויים ווערן דער צוזאג פון די תורה, "בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך", און מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב, און צו מקבל זיין פני משיחנו במהרה בימינו אמן.

בעזרת השם יתברך

# קריאת גדולי רבני עיר וויליאמסבורג

# להקהל ולעמוד על נפשם

הלא מודעת זאת לכל, המצב הנורא של כלי הטעכנעלאגיע והאינטערנעט המשחית כל חלקה טובה, וכל לבב דוי על חללי בת עמינו הקטנים עם הגדולים שכבר נפלו, ועל בתי בני ישראל כי הורסו וכי הודשו השם ירחם, והסכנה המרחפת מתגברת מיום ליום באופן מבהיל למעלה מהמשוער, וחובת כל יהודי ליתן יד להצלת התורה והאמונה.

לאור זה הלא יצאו כעת כל גדולי ישראל שליט"א מפה ומארץ הקודש בקריאה קדושה לעם ה' להקהל ולעמוד על נפשם כאיש אחד בלב אחד לגדור גדר ולעמוד בפרץ ולמנוע משחית ומגיפה מעלינו בענינים הללו

## ובכן גם אנו מצטרפים לקריאת קודש זו

## וחובה על כל אחד ואחד מתושבי עירינו לבוא ולהשתתף במעמד "כינוס כלל ישראל - הצלת הדורות"

שתתקיים בעזה"י

## ביום א' במדבר ער"ח סיון הבעל"ט

ועינינו מיחלות שבזכות כח ותפלת הרבים נזכה לתקן את נפשותינו ולטהרינו ולקדשינו, עדי ירחם ה' וחרפת עמו יסיר בישועתן של ישראל, והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, בביאת גואל צדק בב"א.

**ועל זה באנו על החתום למען קיומה של תורה ואמונה וקדושתן של ישראל והצלת דורותינו**

יום שלישי לס' ונקדשתי בתוך בני ישראל ל"א למב"י תשע"ב לפ"ק

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **יעקב יחזקי' גרינוואלד**<br>אדמו"ר מפאפא | **אשר אנשיל כ"ץ**<br>אבד"ק וויען | **משה טויב**<br>אדמו"ר מקאלוב | **יוסף משה גרינוואלד**<br>אבד"ק צעהלים | **יצחק אייזיק הורוויץ**<br>אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא |
| **יצחק יעקב ראבינאוויטש**<br>אדמו"ר מדינוב | **יצחק יוחנן האגער**<br>אבד"ק וויזניץ ומ"ס | **אביגדור דניאל פיש**<br>אדמו"ר מהאדאס | **יששכר דוב כ"ץ**<br>אבד"ק דושינסקיא | |
| **יצחק אייזיק אייכנשטיין**<br>אבד"ק גאלאנטא | **חיים מערץ**<br>אבד"ק תולעת יעקב | **יצחק יעקב אילאוויטש**<br>אבד"ק יעמרינג | **מאיר יוסף ראזנבוים**<br>אדמו"ר מסטראזניץ | |
| **משה יודא שנעעבאלג**<br>אדמו"ר מטשערנאוויץ | **יודא משולם פאלאטשעק**<br>אבד"ק מגד יהודה | **יהושע העשיל ראזנבוים**<br>בן לאאמו"ר מהרא"מ מקליוולאנד סטראזניץ זצללה"ה | **נתן דוד ראזנבערגער**<br>דומ"ץ התאחה"ר | |
| **יודא ירחמיאל גרובער**<br>ראב"ד אורחות המשפט | **ישראל דוד הארפענעס**<br>אבד"ק ישראל והזמנים | **אהרן זילבערשטיין**<br>דומ"ץ צעהלים | **אשר גדלי' פאללאק**<br>ראבד"ק בראשוב | |
| **ישעי' לאבין**<br>אדמו"ר מזידיטשוב | **שמעון יואל וויינבערגער**<br>דומ"ץ סקולען | **אפרים צבי שמילאוויטש**<br>אבד"ק קרעמניץ | **צבי איש**<br>אבד"ק וואלקאן | |
| **אהרן מאיר לאבין**<br>אבד"ק באלחוב | **מאיר שפיץ**<br>אבד"ק ביסטריץ | **צבי מיללער**<br>אבד"ק אראד | **יחזקאל טייטלבוים**<br>דומ"ץ קיט"ל קליימער | **יחזקאל טעמפלער**<br>ראה"כ שערי לימוד |
| **שמשון צינגער**<br>אבד"ק תבואות שמש | **שמואל דוד קרויז**<br>אבד"ק אודווארי | **יעקב שלמה מייזליש**<br>אבד"ק לימנוב | **דוד ראזנבוים**<br>אבד"ק קאלבאסוב | יתר חתימות יתפרסמו<br>בשבוע הבא אי"ה |

design: YHKSERVICES